## LESSON 14

### פֿערצנטע לעקציע

# אַ בריוו פֿון אייראָפּע פֿון יאָר 1948 [1]

„טײַערער משה!

„דײַן טאַטע האָט מיר געשריבן, אַז דו לערנסט זיך איצט ייִדיש, און איך פֿריי זיך, אַז איך קען דיר שרײַבן אַ ייִדישן בריוו. איך וויל דיר אַ ביסל דערציילן וועגן אונדזער לעבן.

„מיר זײַנען שוין דאָ אין דײַטשלאַנד דרײַ יאָר, און מיר קענען נאָך אַלץ פֿון דאַנען ניט אַוועקפֿאָרן. איך האָב געהאָפֿט צו קענען פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל צו מײַן שוועסטער חנהן. דו ווייסט דאָך, זי איז שוין דאָרטן פֿון פֿאַר דער מלחמה, צוזאַמען מיט איר מאַן. אָבער איצט לאָזט מען אַהין ניט פֿאָרן. קיין אַמעריקע קענען מיר אויך ניט פֿאָרן, ווײַל איך און מײַן פֿרוי זײַנען אויף דער פּוילישער קוואָטע, און מיר דאַרפֿן וואַרטן אויף אַן אַמעריקאַנער וויזע אַ סך יאָרן. מוזן מיר דערווײַל בלײַבן דאָ אין דײַטשלאַנד, צווישן מענטשן וואָס האָבן אומגעברענגט אָדער געהאָלפֿן אומברענגען אונדזערע ברידער. אָפֿט טראַכטן מיר, אַז די וועלט האָט אונדז פֿאַרגעסן. דער סוף פֿון אונדזערע צרות איז נאָך אַזוי ווײַט!

„מײַן ברודער יוסף האָבן די דײַטשן אומגעברענגט, און מיר ווייסן אַפֿילו ניט, ווען זײַן יאָרצײַט איז. צוזאַמען מיט אונדז וווינט איצט מײַן אַנדערער ברודער אַבֿרהם. די דײַטשן האָבן אים גענומען אויף אַרבעט צוזאַמען מיט נאָך פֿיר טויזנט מענער פֿון וואַרשעווער געטאָ. זיי זײַנען געווען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און האָבן געבויט וועגן. פֿאַרן סוף פֿון דער מלחמה זײַנען זיי אַנטלאָפֿן פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער און האָבן זיך באַהאַלטן אין וואַלד. דערווײַל האָבן אַבֿרהמס פֿרוי און זײַן טאָכטער זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר קריסטן און האָבן זיך באַהאַלטן אין דעם ניט־ייִדישן טייל שטאָט. זיי האָבן געאַרבעט ווי דינסטן אין אַ פּויליש הויז. קיינער האָט ניט געטאָרט וויסן, אַז זיי זײַנען ייִדן. זיי האָבן געזען, ווי די דײַטשן שטורעמען די געטאָ מיט טאַנקען און עראָפּלאַנען. אין געטאָ

1 Numbers are discussed on p. 159. “1948” is read נײַנצן הונדערט אַכט און פֿערציק.

האָבן זיך געשלאָגן מענער, פֿרויען און קינדער; אָבער זיי אַליין זײַנען געווען צווישן קריסטן און האָבן גאָרניט געקענט טאָן.

„נאָך דער באַפֿרײַונג האָט אַבֿרהם געפֿונען זײַן פֿרוי און טאָכטער. ווי דורך אַ נס זײַנען אַלע דרײַ געבליבן לעבן. נאָך צוויי יאָר זײַנען זיי געקומען אַהער.

„אַ דאַנק אײַך פֿאַר אַלע אײַערע בריוו. מיר האָבן דאָ ניט גענוג צו לייענען, ווייל איך אײַך בעטן, איר זאָלט אונדז שיקן ייִדישע ביכער, זשורנאַלן און צײַטונגען. בײַ אײַך אין ניו־יאָרק דרוקט מען דאָך אַ סך אויף ייִדיש.

„זײַ געזונט. דײַן פֿעטער

שמואל"

## VOCABULARY

- אַבֿרהם [AVRO'M] *man's name (Yiddish equivalent of* Abraham)
- אַהי'ן there
- • אַהע'ר here
- • אום | ברענגען to kill
- • אונדזער our
- • אײַער your
- • איר you
- • אַנטלויפֿן (איז אַנטלאָפֿן) to flee, to run away
- • אַפֿילו [AFILE] even
- אַרבעט: אויף אַרבעט as a laborer
- • באַהאַלטן זיך (באַהאַלטן) to hide
- די באַפֿרײַונג liberation
- דאַנק: • אַ דאַנק thank you
- דאַנען: פֿון דאַנען from here
- • דײַטשלאַנד Germany
- • דײַן your
- • די דינסט (ן) maid servant
- • דערווײַ'ל meanwhile
- • דרוקן to print
- • האָפֿן אויף... to hope for . . . .
- האָפֿן צו... to hope to . . . . .
- דער וואַלד (וועלדער) forest
- וואַ'רשעווער Warsaw (*adjective*)
- • ווײַט far
- • דער וועג (ן) road
- • וועמענס whose
- • זייער their
- • חנה [KhANE] *woman's name (Yiddish equivalent of* Hannah)
- דער טאַנק (ען) tank
- • טויזנט a thousand
- • דער טייל (ן) part
- דער טייל שטאָט part of the city
- • דאָס יאָר (יאָר אָדער יאָרן) year
- • דער יאָרצײַט anniversary of death
- • לעבן: בלײַבן לעבן to survive
- • דער מאַן (ען) husband
- • דער מאַן (מענער) man
- • מײַן my
- נאָך אַלץ still
- ניט־ייִדיש Gentile, non-Jewish
- • דער סוף [SOF] end
- • צום סוף at the end
- פּויליש Polish
- • פֿאַר before
- • פֿאַרגעסן (פֿאַרגעסן) to forget
- פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר... to disguise oneself as . . .

• פֿיר four
• די פֿרוי (ען) woman; wife
• פֿרייען זיך to be glad
• צווישן between; among
• די צרה (—ות)[TSORE— -s] trouble
דער קאָנצענטראַציע־לאַגער concentration camp
די קוואָטע quota

• קיינער... ניט nobody, anybody
(*acc.-dat.*: קיינעם... ניט)
• דער קריסט (ן) Christian
שטו׳רעמען to assault
• שלאָגן זיך (געשלאָגן) to fight
• שמואל [shMUEL] *man's name (Yiddish equivalent of* Samuel)

## QUESTIONS

1. צו וועמען איז דער בריוו? 2. ווער האָט דעם בריוו געשריבן? 3. ווו איז איצט דער פֿעטער שמואל? 4. ווער פֿון זײַן משפּחה איז מיט אים? 5. וועמען האָט ער אין ארץ־ישׂראל? 6. פֿאַר וואָס קען ער אַהין ניט פֿאָרן? 7. פֿאַר וואָס קען שמואל ניט פֿאָרן צו זײַן משפּחה קיין אַמעריקע? 8. צי געפֿעלט שמואלן צו זײַן אין דײַטשלאַנד? 9. פֿאַר וואָס? 10. ווי איז אַבֿרהם געבליבן לעבן? 11. ווו האָבן זײַן פֿרוי און טאָכטער זיך באַהאַלטן? 12. וואָס האָבן זיי געטאָן צווישן קריסטן? 13. צי האָט מען געוווּסט, אַז זיי זײַנען ייִדישע פֿרויען? 14. צי זײַנען דאָ אַ סך ייִדישע משפּחות אין אייראָפּע, ווו אַלע זײַנען געבליבן לעבן? 15. וואָס בעט שמואל צום סוף פֿון זײַן בריוו?

## GRAMMAR

### 1. Possessive Adjectives

The possessive adjectives in their base form are as follows:

| | SINGULAR | | PLURAL | |
|---|---|---|---|---|
| 1ST PERSON | מײַן | my | אונדזער | our |
| 2ND PERSON | דײַן | your | אײַער | your |
| 3RD PERSON MASCULINE | זײַן | his | זייער | their |
| 3RD PERSON FEMININE | איר | her | | |
| 3RD PERSON NEUTER | זײַן | its | | |
| INTERROGATIVE | | וועמענס? | whose? | |

### 2. Use of Possessive Adjectives

איר טאַטע
דײַן פֿרוי
מײַן קינד

אירע קינדער
אײַ׳ערע זאַכן

Possessive adjectives, when preceding a noun in the singular, *remain in their base form* in all genders. In the plural, the ending **ע—** is added to the base.

דער צימער איז מײַנער This room is mine
די צײַטונג איז דײַנע This newspaper is yours
דאָס בוך איז אונדזערס This book is ours

In the predicate, the possessive adjective has the usual gender endings of all adjectives in the predicate (see p. 123). When used in the predicate, it corresponds to the English "long" forms: "mine," "yours," "hers," etc. Note:

מײַן צימער *my* room
דער צימער איז מײַנער this room is *mine*

**3. Possessive Form of Names of Persons**

| | |
|---|---|
| אַבֿרהמס פּרוי | ד״ר פֿרידמאַנס טאָכטער |
| אסתּרס ברודער | ה׳ גאָלדבערגס הויז |

To obtain the possessive form of a name of a person, the ending **ס—** (without an apostrophe) is added.

סאָקראַטעס: סאָקראַטעסעס צײַט
פּרץ [PERETS]: פּרצעס ביכער
ראַבינאָוויטש: ראַבינאָוויטשעס טאַטע

The ending **עס—** is added to form the possessive of names ending in **ס—, ץ—, ש—, טש—, ז—, דז—, זש—,** and **דזש—**. But if a noun with final **ס—** has the stress on the last syllable, no further **ס—** is added; instead, in writing, an apostrophe indicates the possessive:

חבֿר ווײַס: חבֿר ווײַס׳ פֿרוי

**4. Possessive Form of Common Nouns**

| | |
|---|---|
| **דעם** גוטן לערערס בוך | **דעם** קלײנעם קינדס געלט |
| **דער** אַלטער באָבעס בריוו | **אַ** קלײן קינדס געלט |

The possessive of common nouns which denote animate objects is also formed by the addition of the ending **ס—**. The form of the article and adjective is identical with that of the dative case.

The possessive form of a noun in the plural is rarely used.

The following nouns have irregular possessive forms:

| | |
|---|---|
| **דער זײדע — דעם זײדנס** | **דער ייִד — דעם ייִדנס** |
| **דער טאַטע — דעם טאַטנס** | **דער מענטש — דעם מענטשנס** |

**דער רבי — דעם רבינס**

## 5. Uninflected Adjectives

**דער** אַמעריקאַ**נער** ייִד — **דעם** אַמעריקאַ**נער** ייִד — **די** אַמעריקאַ**נער** ייִדן
**די** וואַרשעווער פֿרוי — **דער** וואַרשעווער פֿרוי — **דער** וואַרשעווער פֿרויס
**דאָס** אַמעריקאַ**נער** לאַנד — **די** אַמעריקאַ**נער** לענדער — **אַן** אַמעריקאַ**נער** לאַנד
**די** פֿילאַדעלפֿי**ער** צײַטונג — **די** פֿילאַדעלפֿי**ער** צײַטונגען

Some adjectives are formed from geographical names. If their bases end in **ער—** or **אַנער—**, they are not inflected. They retain the same form in all cases and genders in the singular as well as in the plural.

## 6. גיין and פֿאָרן

איך פֿאָר קיין אייראָפּע I am going to Europe
איך פֿאָר אַהיים I am going (=riding) home
איך גיי אַהיים I am going (=walking) home

**גיין** means *to go on foot* only. **פֿאָרן** means *to go by vehicle* or *boat, to travel, to ride.* The two verbs should never be confused.

## 7. Adverbs Designating Place

ווו איז ער? Where is he?
ער איז דאָ He is here
ער איז דאָרטן He is there

Adverbs indicating place are **ווו** *where?*, **דאָ** *here,* and **דאָרטן** *there.* If a preposition precedes the adverbs **ווו** or **דאָ** they are modified:

| | | | |
|---|---|---|---|
| פֿון וואַנען? | from where? | פֿון דאַנען | from here |
| דורך וואַנען? | through where? | דורך דאַנען | through here |
| ביז וואַנען? | up to where? | ביז דאַנען | up to here |

Separate adverbs are used to indicate *place to which*:

ווּהין גייט ער? Where is he going?
ער קומט אַהער He is coming here
ער גייט אַהין He is going there

The adverbs are summarized in the following table:

| | "WHERE?" | "HERE" | "THERE" |
|---|---|---|---|
| PLACE WHERE<br>(WITH PREPOSITIONS) | ווּ?<br>(וואַנען) | דאָ<br>(דאַנען) | דאָרטן<br>(דאָרטן) |
| PLACE TO WHICH | ווּהין? | אַהער | אַהין |

## EXERCISES

A. Supply the possessive adjectives corresponding to the personal pronouns given in parentheses at the beginning of the sentences:

1. (זי) אסתּר האָט פֿאַרגעסן —— בוך און —— העפֿט אין דער היים.
2. (איך) וואָס האָסטו געטאָן מיט —— בריוו? 3. (ער) ער האָט מיר
שוין דערציילט וועגן —— צרות. 4. (ווער) —— אויטאָ איז דאָס?
5. (דו) ווּ ביסטו געווען מיט —— חבֿר? 6. (זיי) מען זאָגט, אַז די
אַמעריקאַנער האָבן געוווּנען די מלחמה מיט —— אַעראָפּלאַנען. 7. (זי)
חנה וווינט צוזאַמען מיט —— שוועסטער. 8. (איך) איך שטיי דאָ און
וואַרט אויף —— טאַטן. 9. (עס) דאָס קינד קוקט אויף —— מאַמע און
לאַכט. 10. (איר) גיט אונדז —— זאַכן. 11. (מיר) —— גאַנצע משפּחה
איז אין אייראָפּע. 12. (ער) מײַן פֿעטער האָט פֿאַרלוירן —— געלט.
13. (איך) דו קענסט —— ברודער? 14. (איר) ווּ איז —— הויז?
15. (מיר) דאָס איז דאָך —— הויז.

B. Make sentences out of the following phrases, putting the possessive adjective into the predicate. For example:

זײַן קראָם: די קראָם איז זײַנע

1. מײַן בוך 2. זייער טיש 3. זײַן העפֿט 4. אונדזער לאַנד 5. דײַן
פֿעדער 6. אירע קינדער 7. אײַער הויז 8. זײַן צימער 9. דײַן געלט
10. אונדזער קלוב.

C. Supply the possessive form of the names given in parentheses:

1. איך האָב געלייענט (חיים) בריוו. 2. ער שרײַבט וועגן זײַן (טאַטע)
משפּחה. 3. (דער אַלטער ייִד) לעבן איז געווען אַ שווערס. 4. (ה׳ קאַפּ־
לאַנאָוויטש) פֿרוי איז נעכטן געקומען. 5. (די באָבע) אַלע קינדער זײַנען
אין אַמעריקע. 6. מען זאָגט, אַז (רחל) ברודער איז געשטאָרבן. 7. (דער
מענטש) זאַכן האָט מען שוין געברענגט. 8. איך ווייס גאָרניט וועגן מײַן
(זיידע) לעבן. 9. איך האָב זיך באַקענט מיט ה׳ (ווײַנשטיין) טעכטער.
10. וואָס ווייסטו וועגן (אַנטיוכוס) צײַטן?

D. 1. Form adjectives out of the following geographical names

a) by adding the suffix —ער:

1. מאָנטרעאָל 2. דעטרויט 3. לאָס־אַנדזשעלעס 4. לאָנדאָן 5. פּאַריז
6. קאַנאַדע.

b) by dropping final —ע, and adding —אַנער:

1. אַמעריקע 2. מעקסיקע 3. אַפֿריקע.

2. Form sentences containing each of the above adjectives.

E. Supply the correct form of the adverb designating place:

1. פֿון (ווו) קומסטו? 2. (ווו) ביסטו געווען? 3. ווי לאַנג ביסטו שוין
(דאָ)? 4. ווען ביסטו (דאָ) געקומען? 5. איך גיי איצט (דאָרטן). 6. איך
טראָג (דאָרטן) אַ מתּנה פֿאַר די קינדער. 7. דו ביסט שוין (דאָרטן) אַ
מאָל געווען? 8. ניין, איך גיי (דאָרטן) דאָס ערשטע מאָל. 9. דער טאַטע
פֿאָרט דורך (דאָרטן) אַלע טאָג. 10. זיי זײַנען געקומען (דאָ) צו גאַסט און
ווילן ניט אַוועקפֿאָרן פֿון (דאָ). 11. (ווו) קען מען זיי שיקן? 12. ביז (ווו)
וועסטו פֿאָרן מיט דער באַן? 13. איך וועל פֿאָרן מיט דער באַן ביז
באָסטאָן, און פֿון (דאָרטן) וועל איך פֿאָרן מיט אַן אויטאָ. 14. איר וווינט
(דאָ)? 15. ניין, מיר וווינען ניט ווײַט פֿון (דאָ).

F. Translate into Yiddish:

1. We hope for a warm day. 2. I haven't received a letter from anybody today. 3. We hope that Avrom will not leave until we are able to go with him. 4. Meanwhile we must live here. 5. We received (a) part [of the] money, but not all of it (=the whole). 6. The men have to remain here and the women have to go there. 7. It is not far from here. 8. We are glad that nobody came. 9. Why is the child hiding from us? 10 This child always hides or runs away. 11. Thank you for the gift. 12. Rivke, Esther, and their husbands visited us yesterday. 13. When was this newspaper printed? 14. The trouble is that these children are always fighting. 15. Is this the end of the road? 16. I have forgotten the road from here. 17. Between us, I am glad that they are coming here. 18. I saw them once, three years ago. 19. We received your gifts ahead of (=before the) time. 20. I liked them very [much].

## YIDDISH COMPARED TO ENGLISH

Many similarities can be observed between English and Yiddish cognates. In a thoroughgoing historical study of the two languages, the common Germanic parents of the modern cognates can be traced. Some Yiddish words have almost identical "cousins" in English: fish — פֿיש, finger — פֿינגער, full — פֿול, lip — ליפּ, and so on. Often a systematic correspondence between sounds can be established on the basis of similar words. English *d*, for example, corresponds in many words to Yiddish ט: hand — האַנט, wind — ווינט, dead — טויט, door — טיר, etc. English *th* often corresponds to

Yiddish ד, as in earth — ערד, brother — ברודער, cloth — קלייד, thank — דאנק. Initial English *t* frequently matches Yiddish צ (ten — צען, to — צו), while medial and final *t* correspond to ס: forget — פֿאַרגעס(ן), foot — פֿוס, great — גרויס, hot — הייס.

There are outstanding similarities, too, between Yiddish and English grammar, especially in contrast to German. The almost exclusive application of the possessive to nouns denoting animate objects is a case in point. Likewise, construction of Yiddish sentences resembles the English pattern more than the German, in which the verb is frequently far removed from the subject.

An interesting difference between Yiddish and English lies in the formation of verbs. Yiddish achieves a wealth of different meanings by adding verbal prefixes and adverbial complements to one verb, where English resorts to different verbs. Here are fifteen verbs which consist of קומען plus a prefix or a complement:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אָ'פּקומען | *suffer* | קומען | *come* |
| או'נטערקומען | *come by, join somewhat later* | אוי'פֿקומען | *arise* |
| | | אָ'נקומען | *arrive* |
| אוי'סקומען | *seem* | צו'קומען | *approach* |
| פֿאָ'רקומען | *happen* | אי'בערקומען | *survive* |
| נאָ'כקומען | *accede* | בײַ'קומען | *overcome* |
| או'מקומען | *perish* | מי'טקומען | *come along* |
| דו'רכקומען | *come to terms* | באַקומען | *receive* |

In translating these fifteen verbs, English words with eleven different stems must be used. Some of the fourteen Yiddish prefixes and complements which accomplish this differentiation in meaning have a similar effect on almost any verb to which they may be attached. Thus מיט־ has the meaning of *along with*: מי'טנעמען *take along*, מי'טגיין *go along* (=*join in going*), מי'טעסן *eat together* (*with*), מי'טאַרבעטן *work together* (*collaborate*), and so on. There are many complements with constant meaning. Other complements have meanings which are not so constant. Thus אונטער־ occurs with the meaning *under, below*: או'נטערשרײַבן *sign* (=*underwrite*), או'נטער־שטעלן, או'נטערליינן *put underneath;* but it also has the meaning *slightly*: או'נטערזינגען *sing to oneself, hum;* או'נטערהינקען *limp slightly*, and so on.

A systematic study of Yiddish prefixes and complements forms part of a more advanced course.